**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 06/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו נעמען פאסיגע פארזיכטיגקייט מאסנאמען אינעם צייט וואס רויעך פון קאנאדא וואלדפייערן זענען ערווארטעט צו באדייטנד אפעקטירן לופט קוואליטעט אין ניו יארק די וואך**

***לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזארי איבער קליינע שטויב אין די לופט איז ארויסגעגעבן געווארן פאר מערב ניו יארק, צענטראל ניו יארק, און מזרח לעיק אנטאריא פאר מיטוואך, יוני 28; נאך פראבלעמען זענען ערווארטעט איף דאנערשטאג, יוני 29***

***מעגליכקייט פאר צייטווייליגע העכערונגען אין לופט קוואליטעט אינדעקס (Air Quality Index, AQI) שטאפלען צו דערגרייכן 'זייער נישט געזונט' אדער 'געפארפול'***

***ניו יארקער זאלן ערווארטן פראבלעמען מיט דרויסנדיגע אקטיוויטעטן אין די קומענדיגע טעג***

***הונדערטער טויזנטער N95-סארט מאסקעס זענען אוועילעבל פאר די פובליק איבער די סטעיט***

***דער גאווערנער געבט אפדעיטס פאר ניו יארקער אויף טראנספארטאציע סיסטעמען, באנען, און דראטלאזע עמערזשענסי ווארענונג סיסטעם***

***ווידעא פונעם גאווערנער'ס לופט קוואליטעט אפדעיט [דא](#) און צו אויסהערן [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמוטיגט ניו יארקער, ספעציעל די וועלכע זענען עמפינדליך צו לופט פראבלעמען, צו זיין פארזיכטיג און זיך צוגרייטן אינעם צייט וואס רויעך פון קאנאדא וואלדפייערן זענען ערווארטעט צו באדייטנד אפעקטירן לופט קוואליטעט לענגאויס ניו יארק די וואך, מיט די לופט קוואליטעט מעגליך אנקומען צו 'נישט געזונטע' שטאפלען. שוין יעצט, האט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענטס פון ענווייראמענטאלע אנהאלטונג און געזונטהייט ארויסגעגעבן א לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזערי פאר מערב ניו יארק, צענטראל ניו יארק, און מזרח לעיק אנטאריא ראיאנען פאר מיטוואך, יוני 28. די אגענטורן זעצן פאר צו פארזיכטיג איבערקוקן לופט קוואליטאט איבער די סטעיט אינעם צייט וואס רויך איז ערווארטעט זיך צו רוקן צו די מזרח טיילן פון ניו יארק סטעיט אויף דאנערשטאג, יוני 29. כאטש לופט קוואליטעט אינדעקס שטאפלען איז פארגעשטעלט צו זיין צווישן 'נישט געזונט פאר עמפינדליכע גרופעס' צו 'נישט געזונט' דורכאויס די יעצטיגע צייט, זענען ניו יארקער אנגעזאגט אז עס קענען זיין קורצע שטרעקעס פון צייט וואס די לופט קוואליטעט שטאפלען ליסטע וועט צייטווייליג זיין העכער און דערגרייכן 'זייער נישט געזונט' אדער 'געפארפולע' שטאפלען.

"רויעך פון קאנאדא וואלדפייערן זענען ערווארטעט צו באדייטנד אפעקטירן לופט קוואליטעט אין ניו יארק אריין אין מארגן און דאנערשטאג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר קוקן ווייטער פארזיכטיג איבער די צושטאנד און מיר וועלן אויסטיילן מאסקעס אין ראיאנען וועלכע ווערן אפעקטירט דורך די רויעך.

איך מוטיג אלע ניו יארקער זיך צו האלטן אפדעיטעד איבער די לעצטע אינפארמאציע און נעמען די פאסיגע שריט צו באשיצן זייער געזונט."

גאווערנער האקול האט אנגעזאגט פאר די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערזשענסי סערוויסעס צו ווארענען די אפעקטירטע קאמיוניטיס דורך די דראטלאזע עמערזשענסי ווארענונג סיסטעם אין פאל וואס מען דערגרייכט 'זייער נישט געזונטע' אדער 'געפארפולע' שטאפלען. אויך, זענען טראנספארטאציע אגענטורן און אויטאריטעטן אנגעזאגט געווארן צו געבן ווארענונגען אויף פובליק טראנספארטאציע און אויף פארשידענע מעסעדזש שילדן לענגאויס די גאסן. נאכאמאל, עס וועט זיין אוועילעבל N95-סארט מאסקעס פאר ניו יארקער איבער די סטעיט.

יעצטיגע פארשלאגן צייגן אז א קאלטע ווינט וועט אריינקומען אין מערב ניו יארק פון די צפון מערב זייט אין די פריע אינדערפרי שעות מיטוואך, דערגרייכנדיג דאונסטעיט ראיאנען מיטוואך אוונט, און די ווינטן זענען ערווארטעט צו ברענגען באדייטנדע נאנטע רויעך אפעקטן איבער די סטעיט. Department of Environmental Conservation) DEC) און DOH (Department of Health) האבן ארויסגעגעבן א [לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזערי](#) פאר מיטוואך, יוני 28, פאר די מערב און צענטראל ניו יארק און מזרח לעיק אנטאריא לופט קוואליטעט ראיאנען. DEC און DOH געבן ארויס לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזעריס און אנווייזונגען לויט דעם באזירט אויף א 24-שעה וועטער אפשאצונג, כאטש איין-שעה ווערדן קענען זיין העכער די וועטער אפשאצונג ווערדן אין די ראיאנען.

כאטש די וועטער אפשאצונג בלייבט אומזיכער, זאלן ניו יארקער זיין גרייט פאר העכערע שטאפלען פון קליינע שטויב אין די לופט פאראורזאכט דורך רויעך אויף מיטוואך און דאנערשטאג. יעצטיגע פארשטעלונגען צייגן אז די גרעסטע צוזאמנעמונג פון רויעך וועט זיך צוביסלעך רוקן צום מזרח זייט איבער די מזרח האלב פון ניו יארק סטעיט לענגאויס דאנערשטאג, און איבערגיין א גרויסע טייל פונעם סטעיט. נאך איינצלהייטן איבער די וועטער אפשאצונג פאר דאנערשטאג, יוני 29, וועט זיין אוועילעבל מארגן.

לויט די גאווערנער'ס אנווייזונג, וועלן זיין אוועילעבל הונדערטער טויזנטער N95-סארט מאסקעס פאר ניו יארקער צו העלפן אדרעסירן די לופט קוואליטעט פראבלעמען. אין ניו יארק סיטי, וועט די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט און פארט אויטאריטעט אויסטיילן מאסקעס פאר רייזנדע ביי הויפט טראנספארטאציע צענטערן. נאך מאסקעס וועלן זיין אוועילעבל פאר קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי ביי סטעיט-געפירטע סטאקפיילס צו ווערן אויסגעטיילט צום פובליק.

מאסקעס וועלן זיין אוועילעבל ביי די פאלגנדע לאקאציעס:

- גרענד צענטראל טערמינאל
- פען סטאנציע
- פולטאן צענטער
- דזשעמעיקע צענטער
- הויפט פאסאנזשירן זאל פון די פארט אויטאריטעט באס טערמינאל, דרום פליגל
- אטלאנטיק אוועניו, ברוקלין
- גרענד קאנקאורס, בראנקס

די גאווערנער האט געמוטיגט ניו יארקער צו יעצט אנהויבן פלאנירן פאר מעגליכע ענדערונג צו דרויסנדיגע אקטיוויטעטן אויף מיטוואך, יוני 28 ביז די צושטאנד פארבעסערט זיך. זוממער קעמפ דירעקטארן זאלן וויסן זייער לאקאלע AQI וועטער אפשאצונג און ווארענונג שטאפל און אויספאלגן DOH און U.S. ענווייראמענטאלע באשיצונג אגענטור AQI אנווייזונג, אוועילעבל [דא](#). DEC און DOH

עקספערטן זעצן פאר צו נאכפאלגן די לופט קוואליטעט, נאכקוקנדיג רויעך און וועטער אנטוויקלונגען פון די נאענט.

**ניו יארק סטעיט העלט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "צוליב די העכערע שטאפלען פון פארפעסטיגונג אין די לופט איבער א גרויסע טייל פון די סטעיט, רעקאמענדירט די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט אז ניו יארקער אין אפעקטירטע געגנטער זאלן באגרעניצן אויסמוטשענדע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן כדי צו פארקלענערן די געפאר פון שעדליכע געזונטהייט פראבלעמען. מענטשן וועלכע זענען ספעציעל עמפינדליך צו העכערע שטאפלען פון שטויב אין די לופט, אריינרעכענענדיג גאר קליינע קינדער און מענטשן וועלכע האבן אנדערע אטעמען פראבלעמען אזוי ווי הארץ קראנקהייט אדער אסטמא, זאלן זיך צוריקהאלטן פון פארברענגען צייט אינדרויסן, אויב מעגליך. האלט אן אויג אויף די שטאפלען אין אייער געגנט מיט די air now.gov, אדער די וועטער אפליקאציע אויף אייער פאון, און אויב איר מוזט ארויסגיין, דאן טראגט א N 95 מאסקע. די וועלכע הויבן אן שפירן סימפטאמען אדער וואס זייערע סימפטאמען ווער ערגער, זאלן נעמען אין באטראכט צו רעדן מיט זייער פערזענליכע דאקטאר."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אנהאלטונג קאמישאנער סעגאס האט געזאגט,** "די DEC ארבעט נאנט צוזאמען מיט גאווערנער האקול און אונזער אגענטור מיטארבעטער צו געבן צייטליכע אינפארמאציע איבער DEC'ס אנגייענדע לופט קוואליטעט אויפזיכט. DEC וועט ווייטער האלטן די פובליק אינפארמירט אז זיי זאלן קענען מאכן די בעסטע באשלוס איבער זייער געזונטהייט און באשיצונג."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "ניו יארקער זאלן האלטן נאנטע אויפזיכט אויף די לופט קוואליטעט אין זייער ראיאן, און לויט דעם, באגרעניצן אקטיוויטעטן אינדרויסן און נעמען אין באטראכט צו טראגן א מאסקע."

די DEC און DOH געבן ארויס לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס ווען אָזאָון אדער שטויב אין די לופט (particulate matter, PM2.5) זענען ערווארטעט איבערצושטייגן א לופט קוואליטעט אינדעקס (Air Quality Index, AQI) פון אזויפיל ווי 100. זיך אויפצושרייבן פאר עדווייזעריס געשיקט דורך אימעיל, ביטע דרוקט [דא](#).

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט זאגט אן צו נעמען פארזיכטיגקייט מאסנאמען ווען נויטיג. שריט פאר מענטשן צו אונטערנעמען כדי צו פארקלענערן געפארן רעכענען אריין:

- ווען די AQI איז העכער 100 ('נישט געזונט פאר עמפינדליכע גרופעס'), זאלן ניו יארקער וועלכע זענען אין עמפינדליכע גרופעס זיך צוריקהאלטן פון זיך אויסמוטשענען אינדרויסן און זיין אויפמערקזאם פאר סימפטאמען אויב זיי ווערן אויסגעשטעלט צו די דרויסנדיגע לופט. עמפינדליכע גרופעס רעכענען אריין מענטשן מיט הארץ קראנקהייטן (צום ביישפיל קאנדזשעסטיוו הארץ פעיליור, האבנדיג געהאט א הארץ אטאקע) אדער לונגען קראנקהייט (צום ביישפיל אסטמא, שמאלערע אדערן אין די לונגען), און אזוי אויך קינדער אונטער 18, מענטשן פון 65 און עלטער, און פרויען וואס ווארטן א קינד.
- ווען די AQI איז העכער 150 ('נישט געזונט'), זאלן אלע ניו יארקער זיך צוריקהאלטן פון טון אויסמוטשענדע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן, און מענטשן אין עמפינדליכע גרופעס זאלן זיך אינגאנצן פארמיידן פון זיין אויסגעשטעלט צו די דרויסנדיגע לופט, ספעציעל פרויען וואס ווארטן א קינד וואס זיי קענען שנעלער האבן פראבלעמען צו כאפן דאס אטעם. אויך, זאלן ארבעטערס וועלכע זענען עמפינדליך ארבעטן אינערוייניג און קעמפ דירעקטארן זאלן וויסן זייער לאקאלע AQI וועטער אפשאצונג און ווארענונג שטאפל און אויספאלגן AQI אנווייזונג.

- ווען AQI איז העכער 200 ('זייער נישט געזונט'), זאלן עמפינדליכע גרופעס זיך צוריקהאלטן פון אלע פיזישע אקטיוויטעטן אינדרויסן, און אפשטופן אדער רוקן אקטיוויטעטן אריין אינערווייניג. אלע אנדערע זאלן זיך צוריקהאלטן פון לאנגע אדער אויסמוטשענדע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן.
- ווען די AQI איז העכער 300 ('געפארפול") זאלן אלע ניו יארקער זיך צוריקהאלטן פון דרויסנדיגע פיזישע אקטיוויטעטן.
- פאר מענטשן וועלכע פארברענגען צייט אינדרויסן, ווען לופט קוואליטעט איז נישט געזונט, איז רעקאמענדירט צו טראגן א גוט-געפאסטע מאסקע. א N95 אדער KN95 וועט ארבעטן דאס בעסטע.

מער אינפארמאציע איבער די פאראויסגעזאגטע לופט קוואליטעט אין ניו יארק סטעיט איז אוועילעבל דא. צו איבערקוקן אייער לאקאציע'ס יעצטיגע לופט קוואליטעט, גייט צו www.airnow.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן